טשערנאָוויצער בלעטער

אומאָפּהענגיקער אָרגאַן פאַר פּאָליטיק, קולטור און ווירטשאַפט.

„Czernowitzer Bleter“,
Ziar independent pentru politica, cultura şi economie
Redacţia şi Administraţia: Cernăuţi, str. Radu cel Mare 13
Plătibil şi justiţiabil la Cernăuţi.

דערשיינט וועכנטלעך
oooooo
איינצל-עקזעמפּלאַר 5 ליי.

אבאָנאַמענט: 4 חדשים: 100 ליי, האַלביערלעך: 140 ליי, פאַר א גאַנץ יאָר: 280 ליי. — אויסלאַנד: 4 דאָלאַר יערלעך.
אַנאָנסן לויטן מילימעטער-טאַריף.

נר. 2. | טשערנאָוויץ, דעם 25־טן מאי 1929. | יאָרגאַנג I.

די וואָך.

ארזשעטאָיאַנו, דער געוועזענער אקערבוי-מיניסטער געפינט זיך איצט אין בערלין, ווו ער אונטערהאַנדעלט וועגן דער גרינדונג פון אן אינטערנאַציאָנאַלער באַנק אין רומעניע, מיט דער הויפּטזעכלעכער באַטייליקונג פון דער דרעזדענער באַנק.

*

אין דער פאַרייניקונגס-פייער אין אַלבאַ-יוליאַ האָבן אַנטייל גענומען צוויי הונדערט טויזנט געסט, די רעגענטשאַפט, די גאַנצע רעגירונג און אומצייליקע פּאַרלאַמענטאַריער. ס'זענען אויסגעטרונקן געוואָרן 5000 פאַס וויין און פאַרנוצט 25 וואַגאָנס מעהל.

*

דעם 21-טן ד. ח. ארום 2 נ. מ. האָט זיך געפילט אין בוקאַרעשט א ציטערן פון דער ערד, וועלכעס האָט געדויערט אייניקע רגע'ס. אין דערזעלבער צייט איז אויך אין מאַרעשעשטי פאָרגעקומען אן ערדציטערניש. קיין שאָדענס זענען נישט

*

אין יאַס איז עס געקומען צו א צוזאַמענשטויס צווישן האַנדעלסאַנגעשטעלטע און די זשאַנדאַרמען. די אַנגעשטעלטע האָבן דעמאָנסטרירט כאָטש די מאַכט האָט זיי נישט דערלויבט. אייניקע זענען פאַרוואונדעט געוואָרן.

*

אויפן שטראָז סימפּאָלונג—פּיטעשטי איז פאָרגעקומען אן אינצידענט פון אן אויטאָבוס, 12 פּערזאָנען זענען שווער פאַרוואונדעט געוואָרן.

*

צווישן טימיש און פּרעדאַל איז א ציסטערנענצוג אַראָב אין אָפּגרונט. ס'איז פאָרגעקומען א מוראדיקע עקספּלאָזיע, די גאַנצע גאַרניטור איז פאַרניכטעט די צאָל פון די טויטע איז פיר, און שווערפאַרוואונדעטע דריי.

*

די לופטשיף פונם גראַף צעפּעלין, וועלכעס האָט זיך געפונען אויפן וועג קיין אַמעריקע האָט זיך געמוזט אומקערן. אין דער נאָענט פון טולאָן אין דרום-פראַנקרייך איז פאָרגעקומען די נויט-לאַנדונג. די פראַנצויזישע מאַכט און די פראַנצויזישע באַפעלקערונג האָבן מיט גרויסער פריינדשאַפט אויפגענומען די דייטשע פליהער.

*

די נעכסטע בעראַטונג פונם ראַט פון פעלקערבונד וועט פאָרקומען אין מאַדריד. אַלס הויפּט-פּונקט פונם סדר-היום וועט זיין די פראַגע וועגן די נאַציאָנאַלע מיעוטים.

*

אויפן קאָנגרעס פונם פרויען-וועלט-בונד אין לאָנדאָן, ביי וועלכן ס'האָבן אַנטייל גענומען פאָרשטייער פון 42 לענדער האָט די דעפּוטאַטקע מיס ווילקנזאָן, מיטגליד פון דער לייבאָר-פּאַרטיי אין א גרויסער רעדע נאָכגעוויזן, אז איינע פון די הויפּט-אויפגאַבן פון דער פרוי אין דער פּאָליטיק איז צו זיכערן דעם פרידן.

*

אין דער ענגלישער טעקסטיל-אינדוסטריע אין בראַקפאָרד האָבן ווידער צוויי גרויסע פירמען פון וואָל רעדוצירט דאָס שכירות פון די ארבעטער און באַצאָלן מיט 7 איין האַלב פּראָצענט.

*

דאָס פופציק-יאָריקע מחלוקת צווישן די דרום-אַמעריקאַנישע רעפּובליקן טשילע און פּערו וועגן די סאַלפּעטער-פּראָווינצן טאַקנאַ און אַריקאַ האָט זיך אויפגעהערט א דאַנק דער פאַרמיטלונג פונם פּרעזידענט האָווער. טשילע האָט באַקומען די סאַלפּעטער-פעלדער פון אַריקאַ און פּערו די צווייטע פּראָווינץ.

*

אין דער קעגנט פון וואָראָנעש אין סאָוויעט-רוסלאַנד האָבן די גרויסע פּויערן אונטערגענומען א שטורעם, קעגן דער קאָלעקטיוו-ווירטשאַפט און נאָך א לאַנגער שיסעריי איז עס געלונגען זיי צו פאַרטרייבן.

*

אין א רעפערענדום פונם זשאינט צו זיינע שפּענדער האָט זיך באַקומען דעם רעזולטאַט, אז די זשאינט-ארבעט זאָל ווייטער אָנגעפירט ווערן. אויף דער קאָנפערענץ אין באַלטימאָר איז באַשלאָסן געוואָרן צו רעאָרגאַניזירן דעם זשאינט-קאָמיטעט און אים אויסצושטעלן אויף דעמאָקראַטישע יסודות.

*

אין פּרייסישן לאַנד-טאַג איז אָנגענומען געוואָרן דער בייזדשעט פאַרן קולטוס-מיניסטעריום. די יידישע קהלות באַקומען 600.000 מאַרק אַלס ביישטייער פאַר זייערע צוועקן.

(המשך אויף זייט 2).

יידישע פּאָליטיק.

II.

מען דאַרף נישט ווייט קוקן, כדי צו זען דעם גאַנצן תוהו-ובוהו, די קאָנפוזיע אין דער יידישער פּאָליטיק. די פאַרשאַרפונג פון קאַמף צווישן דער „אוניאָן פון די רומענישע יידן“ (U. E. R.) פון איין זייט און דער יידיש-נאַציאָנאַלער ריכטונג בראש מיטן יידישן פּאַרלאַמענטאַרישן קלוב פון דער אַנדערער זייט, געבן דעם בולטסטן באַווייז פון דעם, וואָס מיר האָבן געזאָגט. בעת ביי די אַנדערע נאַציעס, למשל ביי די דייטשן אָדער ביי די מאַדיאַרן, איז קלאָר און פאַרשטענדלעך די באַטאָנונג פונם נאַציאָנאַלן מאָמענט אין דער פּאָליטיק, ספק'ט מען ערשט ביי די יידן וועגן דער נוצלעכקייט אָדער שעדלעכקייט פון דער נאַציאָנאַלער פּאָליטיק. ס'נעמט זיך די דאָזיקע אומקלאָרקייט דערפון, וואָס יידן וווינען נישט ווי די דערמאָנטע נאַציעס אין קאָמפּאַקטע מאַסן אויף באַשטימטע טעריטאָריעס, נאָר זענען צעזייט און צעשפּרייט דורך די פאַרשידנסטע באַרופן אין די פאַרשידנסטע מקומות פונ'ם לאַנד. ס'פעלט די סטראַטעגישע אייגנשאַפטלעכקייט ביי יידן [illegible] פּאָליטיק ביי פּאָליטישע אַקציעס. די יידישע בירגערלעכע באַרופן ליגן נישט אין דער סאַמע פּראָדוקציע פונם לאַנד און נעמען נישט ארום אַלע איר וויכטיקע צווייגן ווי די אַנדערע נאַציעס, נאָר געפינען זיך ביי די ברעגעס פון דער פּראָדוקציע, פון וואַנען זיי קאָנען ביי יעדן פּאָליטישן ריר אַראָפּגעטרייסלט ווערן אין תהום פון ווירטשאַפטלעכן עלנט און נויט. די יידישע פּאָליטיק מוז בכן זיין צוגעפּאַסט צו די דאָזיקע אומשטאַנדן, רעכענענדיק זיך א יעדע רגע מיט די פּאָליטישע כוחות-פאַרהעלטנישן ביי דער הערשנדיקער נאַציע אין לאַנד. ס'איז דאָס אין קורצע ווערטער ארויסגעזאָגט, די פּאָליטיק פון אָפּאָרטוניזם. צי לייקנט מען שוין דערמיט דעם באַגריף פון נאַציע, עטנישע מינאָריטעט ? די פירערס פון דער U. E. R. זאָגן, אז נישט. זיי קאָנען אָבער נישט אָנווייזן אויף א קלאָרן, אויסגעהאַלטענעם פּראָגראַם פון זייער רעאַלער פּאָליטיק. וואָרים רעכענענדיק זיך באַלד מיט דער, באַלד מיט יענער פּאָליטישער שטרעמונג אין לאַנד (בייט פון דער רעגירונג) קאָנען זיי נישט אין טאָרן נישט דעמאָנסטרירן פאַר סתם נאַציאָנאַלע פאָדערונגען, וואָס קאָנען אפשר ווען ס'איז ארויסרופן די אומצופרידנקייט ביי דער הערשנדיקער נאַציע און רעגירונג. די פּאָליטיק פון אָפּאָרטוניזם מוז דערפאַר זיין א ריינע מאָמענט-פּאָליטיק פון היינט אויף מאָרגן, ווי אָפּאָרטוניזם בכלל רעכנט זיך נאָר מיטן אויגנבליק.

און דאָ קומט מען צום חילוק מיט דער אַזויגערופענער נאַציאָנאַלער פּאָליטיק. אמת, דער נאַציאָנאַלער מאָמענט ווערט ביי יעדער געלעגנהייט שטאַרק אונטערגעשטראָכן. ליינענדיק למשל די דעקלאַראַציעס פונם יידישן פּאַרלאַמענטאַרישן קלוב בלייבט זיכער נישט צוריק קיין ספק וועגן דער יידישער עטנישער מינאָריטעט. ס'הערן זיך פאָדערונגען, נאַציאָנאַלע פאָדערונגען, וואָס ווערן ארויסגעשטעלט אין נאָמען פון יידישן פאָלק צו דער מלוכה. אָבער דאָס אַלץ קלינגט ווי א דעמאָנסטראַציע, כדי צו באַווייזן, אז מיר זענען דאָ זיכער זער וויכטיק. מיר מוזן אויך אָנמעלדן אונזער נאַציאָנאַלן קיום און וואַכן דערויף, אז מען זאָל אין אונז נישט פאַרגעסן. אָבער אויך איינצייטיק איז אויך נויטיק א פּראָגראַם, א קלאָרע פאָרמולירונג פון אַלע אונזערע אינטערעסן און פאָדערונגען, וואָס שטייען אין הסכם מיט די רעאַלע מעגלעכקייטן. מ'מוז אויך וויסן, וואָס מיר באַדאַרפן און פאַרלאַנגען, למשל אויפן געביט פון שולן, וויאַזוי מיר באַנעמען די פראַגע פון דער נאַציאָנאַלער אויטאָנאָמיע! קאָנקרעטע פּראָגראַמאַטישע אויספירונגען הערן זיך נישט און קאָנען זיך אויך נישט הערן, ווייל א בירגערלעכע פּאַרטיי — און דער יידישער פּאַרלאַמענטאַרישער קלוב [illegible] פון דער בירגערלעכער געזעלשאַפטסאָרדנונג — קאָן נישט אויפשטעלן פּראָגראַמען פשוט לשם דעמאָנסטראַציע, פּראָגראַמען, וואָס קאָנען זיך ערגעץ־ווו צוליב זייער דרייסטקייט, אָנשטויסן אין „די העכערע אינטערעסן“ פון דער מלוכה און ארויסרופן דעם חשד פון „רעוואָלוציאָנערן“ שטורעם. אַט דאָס איז אויך די טראַגיק פון גרינבוים'ען אין פּוילן, וועלכער איז דער רעגירונג נישט ניחא אַלס פאָרזיצער פון יידישן סיים-קלוב דווקא וועגן זיין דעמאָנסטראַטיווער נאַציאָנאַלער פּאָליטיק און אונזער היימישער פּאַרלאַמענט-קלוב, וואָס באַשטייט פון נאַציאָנאַלע יידן, מיט אן אויסגעהאַלטענער נאַציאָנאַלער פאַרגאַנגענהייט, לערנט פּאַמעלעך צו גיין אויפן וועג פון רעאַלער פּאָליטיק, פון אָפּאָרטוניזם און קומט זיך אַזוי צונויף בהדרגה'ניק. מיטן צד שכנגד, אקעגן וועלכן ער מוז נאָך, דאַכט זיך אים, אָנפירן מיטן קאַמף פון נאַציאָנאַלער פּאָליטיק אקעגן אַסימילאַציע.

מיר ווילן זיך קאָנקרעטער אויסדריקן: די פּאַרלאַמענטאַרישע טעטיקייט פון דר. מאיר עבנער למשל איז בלי ספק א נאַציאָנאַלע, קאָנסעקווענט געטראָגן פונם נאַציאָנאַלן באַוואוסטזיין און אחריות און ס'הערט זיך שטענדיק פון איר ארויס דער נאַציאָנאַלער שטאָלץ. אָבער פון דעסטוועגן באַגעגענען מיר דר. עבנער אויך ביי טאָג-טעגלעכע שתדלנות-ארבעט פון ענינים, וואָס זענען נישט תמיד דווקא קיין יידיש-נאַציאָנאַלע און האָבן אויך נישט קיין שייכות צו דער דעמאָנסטראַטיווער פאָלקס-פּאָליטיק. די אינטערווענציעס, וואָס זענען זיכער זער נויטיק און וויכטיק, וואָלטן גאַנץ גוט געפּאַסט פאַר די „איינגעשריבענע יידן“, אקעגן וועלכע ס'איז דאָך בעיקר געווענדט דער קאַמף פון דער נאַציאָנאַלער ריכטונג. לאָמיר אקעגנדעם באַטראַכטן אן אַנדערן ביישפּיל: וויאַזוי האָט זיך אויפגעפירט האָריא קאַרפּ אַלס סענאַטאָר אין פריעריקן ליבעראַלן פּאַרלאַמענט? דאַכט זיך קיין אומכבוד האָט אויך ער נישט געמאַכט פאַר די, וועלכע ער האָט פאַרטרעטן? מ'האָט א סך מאָל געהערט א מוטיק וואָרט פון אים פאַר יידישע אינטערעסן און ער האָט אויך למשל ביי די געשעענישן אין אָראַדעאַ-מאַרע נישט געזשאַלעוועט מיט קיין אָנגריפן אקעגן דער „פאַרבונדעטער“ רעגירונג. און דאָ ווייזט זיך ארויס אין דעם צוזאַמענהאַנג די פּרינציפּיעלע באַדייטונג אָדער ריכטיקער: די באַדייטונגלאָזיקייט פון דער קאַרטעל-פּאָליטיק. נישט דער עיקר איז, צי מ'מאַכט דעם וואַל-קאַרטעל מיט גאָגאַן, דוקאַן אָדער מאַניו, נאָר ווי און וויאַזוי מ'מאַכט דעם קאַרטעל. וויאַזוי מ'זאָל נישט באַטראַכטן די פראַגע פון פּאָליטישער פירערשאַפט, מוז מען דאָך סוף כל סוף קומען דערצו, אז די פּערזענלעכקייט אַנטשיידעט. דער פירער, וואָס פירט זיך אויף כל ימיו אויף א באַשטימטער אויסגעהאַלטענער ליניע, קאָן נישט פּלוצים איבערקערן די „טראַדיציע“ און צוליב א וואַל-קאַרטעל מיט א רעגירונג זיך איר איבערגעבן מיט זיין גאַנצן לייב און לעבן.

ס'ווערט אַלזאָ פאַרשטענדלעך, פאַרוואָס ביידע ריכטונגען פון דער יידישער פּאָליטיק טרעטן נישט ארויס מיט קלאָר פאָרמולירטע פּראָגראַמען. און די דאָזיקע נעגאַטיווע געמיינזאַמקייט פירט אויף א קאָנסעקווענטן אופן צו א פּאָזיטיוון שותפות. דאָס איז ווי מיר האָבן אָנגעוויזן: די פּראַקטיק פון טעגלעכן קאַמף און די פראַגע פון פּערזענלעכקייט.

אַט די צוויי פאַקטאָרן, אז זיי קומען זיך צונויף, באַשאַפן זיי זיך פון זיך דעם „פּראָגראַם“, גאַראַנטירנדיק אויך איינצייטיק פאַר זיין דורכפירונג.

צי מען שרייט „עברי אנכי“, צי מען פאַרבייגט דעם נאַציאָנאַליזם אין א זייט, דער פועל יוצא איז איין און דערזעלביקער, אויב דער פירער מיינט עס ערנסט, דערפילנדיק זיינע פליכטן. פעלערן קאָנען געמאַכט ווערן, זיכער נישט ווילנדיק, אָבער פעלערן, וואָס בלייבן אין דער טאַקטיק, דערויף איז מען דאָך א מענטש מיט שוואַכקייטן.

מיר האָבן געזאָגט, ס'איז נישט קיין פאַרברעכן, אויב מען מאַכט דעם וואַל-קאַרטעל מיט גאָגאַן, אויב ער איז ביי דער מאַכט (לויטן באַשטייענדיקן וואַלגעזעץ מוזן קליינע פּאַרטייען זוכן אן אָנשלוס צו גרויסע) און קאָן אויך עפּעס געבן, לכל הפחות דעם מאַנדאַט. ס'איז דערנאָך בכן אָפּהענגיק פון דער פּערזענלעכקייט פונם מאַנדאַטאַר, וויאַזוי ער איז זיך נוהג. אָבער גאַנץ אַנדערש שטעלט זיך די זאַך, ווען מען גייט צו א אָפּאָזיציאָנעלער פּאַרטיי, ווי די U. E. R. ביי די לעצטע פּאַרלאַמענטס-וואַלן צו די ליבעראַלן, אָדער אַנדערש איז אויך דער קאַרטעל מיט א מינאָריטעטן-בלאָק. צי האָט מען דאָ די זעלבע טאַקטישע זיכערקייטן — „פּראָגראַמאַטישע“ טויגן דאָך להלוטין נישט — אויף ווי ווייט דאָס שטייט אין הסכם מיט דער רעאַלער פּאָליטיק, מיט וועלכער מען פירט אָן?

פון דער טאַקטיק פון וואַל-קאַרטעל ווערט שוין א פּרינציפּיעלע פראַגע, אויב מען פאַרלאָזט דעם זיכערן באָדן, אָפּשליסנדיק וואַל-קאָאַליציעס, פון וועלכע ס'בלייבט צוריק א מאָראַלישער — צומאָל א שלעכטער — עפעקט. דעם פּריזון פון א יידישן רייכסבלאָק האָט מען מורא געהאַט צו מאַכן, כאָטש דער מאָראַלישער און נאַציאָנאַל דערציערישער דערפאָלג איז זיכער און אין אַנדערע השערות מיט אומזיכערע פרעמדע קאָמבינאַציעס זאָל מען זיך יאָ ארייינלאָזן?

א דריטער אַרטיקל קומט. ספּעקטאַטאָר.

*

דער אָבער־קאָמיסאַר פון ארץ־ישראל האָט אויס־געוויזן אויסן לאַנד צוויי פּערזישע יידן, וועלכע זענען אין יאָר 1925 אריינגעקומען אויף אַן אומלעגאַלן אופן. ביידע האָבן געהאַט ארבעט, איינער איז א בעל־משפחה און האָט פיר קינדער.

*

פּראָפ. איינשטיין האָט זיך אָפּגעזאָגט אַנצונעמען וועלכעס ס'איז נישט מתנות פונם בערלינער מאַגיסטראַט. „דאָס לעבן איז צו קורץ — מ'זאָל אזוי לאַנג מוזן באַראַטן וועגן אַזאַ ענין" — האָט ער דערקלערט.

*

דעם 4—6 יוני קומט אין האַמבורג פאָר א וועלט־קאָנגרעס פון יידישע פרויען־פאַריינען. באַטייליקן וועלן זיך פאָרשטייער פון 20 לענדער.

*

דער אַנטיסעמיטיזם אין דער רויטער ארמיי אין רוסלאַנד וואַקסט פון טאָג צו טאָג. יידישע זעלנער ווערן שיקאַנירט און מיסהאַנדעלט, באַזונדערס אין סמאָלענסקער 99־ער רעגימענט.

צום 200־טן געבורטס־טאָג פונם פילאָזאָף מענדעלזאָן גרייט די בערלינער קהלה צו גרויסע פאַראַנשטאַלטונגען און אן אויסשטעלונג.

*

פאַר דער צייט פון אַפּריל ביז אָקטאָבער 1929 האָט די א"י־רעגירונג באַוויליקט 2400 צערטיפיקאַטן פאַר חלוצים.

*

אויפן אינטערנאַציאָנאַלן קאָנגרעס פון די טיר־שוץ פאַריינען אין ווין, ביי וועלכן ס'באַטייליקן זיך דעלעגירטע פון אייניקע לענדער האָבן די קעגנערס פון שחיטה א מאַיאָריטעט. ביים דעמאָנסטרירן א פילם וועגן יידישער שחיטה איז עס געקומען צו שטאַרקע אַנטיסעמיטישע צווישנרופן.

*

לויט אן אונטערזוכונג פון דעם מאָסקווער „אָרט" זענען צוויי דריטל פון דער יידישער באַפעלקערונג אין רוסלאַנד אָן ארבעט און לעבן צום טייל פון אונטערשטיצונג פון זייערע קרובים אין אַמעריקע.

———

שטאַרבט יידיש אין אַמעריקע?

די דיסקוסיע וועגן ווייטערדיקן גורל פון יידיש אין אַמעריקע, האָט סוף כל סוף דערגרייכט אפילו די שפּאַלטן פון דער „אָסטיידישער צייטונג", און מיר געפינען דאָרט אנומעלט א גאָר פּעסימיסטישן אַר־טיקל בנוגע דער דאָזיקער פראַגע פון ב. ש ע ל ע ר, פילאַדעלפיע.

כ'ווייס נישט, צו דער געשפּענסט פון אונטער־גאַנג גופא האָט אזוי שטאַרק געווירקט אויף דעם שרייבער, וואָס ער איז אריינגעפאַלן אזש אין אַזאַ טאָן, אדער די „אָסטיידישע" אליין האָט עס אזוי לאָזוקע, איבערזעצט און צוגעפּוצט, אז ס'איז ארויס־געקומען דאָס, וואָס מיר זעען פאַר אונזערע אויגן, איינס איז אָבער קלאָר:

דער שרייבער זעט אלץ דורך שוואַרצע ביילן און דערווייזט אונז, אז ס'איז נישט פרייליך ארום אונז, און אז די יידישע שפּראַך און די יידיש וועלטלעכע קולטור שטייען אצינד אויפן ראַנד פון אונטערגאַנג ממש. אָט אזוי בערך, איז, דער דיאַגנאָז, וואָס עס שטעלט דער פּעסימיסט פון פילאַדעלפיע, אָבער דאָס וועט אונז דאָך נישט אָפּהאַלטן צו פּרוּוון פון טשער־נאָוויץ אויס, זיך אנטקעגנשטעלן, אויף וויפיל ס'איז מעגלעך, דעם דאָזיקן שטראָם פון מרה־שחורה און לאָזן רעדן די פאַקטן.

„די לעצטע דערגרייכונג פון די לעצטע 10—15 יאָר, שרייבט י. ש ט י נ ב ו י ם, א באַקאַנטער שול־און קולטור־טוער אין אַמעריקע, דאַרף אונז באַווייזן, אז די נייע, יידיש־וועלטלעכע סביבה אין אַמעריקע, הערט איינציקווייז אויף צו ציהען איר איינציקע יניקה פון די אַלטע היימען און פון זייערע יידישע עמי־גראַנטן און הייבט גאַנץ ענערגיש אָן זיך אויסקשטעלן מיט שטאַרקע פיס אויף א געזונטן באָדן. דער אָנ־הויב איז א פרעלעכע בשורה אויף גרעסערע דער־גרייכונגען". („ליט. בלעטער", נר. 15, 1929).

א צווייטער ד י נ ג א ל, דער הויפּט־רעדאַקטאָר פון אַמעריקאַנער „טאָג", וועמען מ'קאָן שוין לחלוטין נישט חושד זיין און וועלן מאַכן אן אָנשטעל פון דוולאַ־אָפּטימיזם קאָנסטאַטירט, אז „די יידישע פרעסע אין אַמעריקע, וואַקסט און געווינט לעזער פון יאָר צו יאָר" („היינט", יובליי־נומער).

אין אחרון אחרון, אברהם ר י י ז י ן, וואָס איז ערשט צוריק מיט עטלעכע חדשים געקומען פון אַמעריקע, פול איבערצייגונג אינם פּאַטענציאַנעלן כח פון יידיש און יידיש־וועלטלעכער קולטור אין אַמע־ריקע, דערציילט אונז צווישן אנדערן אז:

„נישט גערעכט זענען די, וואָס רעדן וועגן קריזיס פון יידיש אין אַמעריקע און וועגן דער אַמעריקאַני־זירונג פון דער יידישער שפּראַך. עס געשעט גראַד דער היפּך. יידיש פיינערט זיך אויס אין אַמעריקע, קערט זיך אום צו די געזונטע וואָרצלען, ווערט פאָלקסטימלעכער, ריינער. איר וועט עס באַמערקן אויך אין דער פּרעסע: אויך די טאָג־צייטונגען הויבן אָן פילטרירן די שפּראַך." („ליטער. בלעטער", נאָוועמבער 1928).

„און די איין־איינציקע ייד. צייטשריפט, וואָס איז נאָך געבליבן אין אַמעריקע, „די צוקונפט", שלעפּט אויך א נעבעכדיקן קיום און ראַנגלט זיך יעדן טאָג מיטן טויט", ליי[illegible] מיר אין יענע פאַרזאָרגטע שורות אין דער „אָסטיידישער". איין־איינציקע? און ווו זענען עס עפּעס „דער האַמער", „דער אויפבּרויז", „דער אויפקום", „דער פּראָלעטאַרישער געדאַנק", „די פרייע ארבעטער־שטימע". „אין זיך", דער צווייטמאָנאַטלעכער „אונזער בוך", און נאָך, און נאָך א סך אנדערע.

און פאַרוואָס פאַרשווייגט מען עפּעס די 19 טעג־לעכע צייטונגען, 51 וואָכנבלעטער, 6 צווייוואָכנטלעכע, 24 חודש־זשורנאַלן און 25 פאַרשידענע אנדערע פּעריאָדישע אויסגאַבן, וועלכע דערשיינען רעגולער אין אַמעריקע און „די ברייטע נעץ פון יידישע שולן, וואָס זענען פאַר די לעצטע 5 יאָר געוואַקסן דריי און פיר מאָל אזוי פיל (ד י נ ג א ל, „היינט"), זענען זיי עס אפשר, די אנזאָגער פון גיכער גסיסה, וואָס דאַרף היינט־מאָרגן קומען?

נאָך עפּעס: א 5000־קעפּיקער עולם הערט צו מיט א פאַרכאַפּטן אָטעם א דיסקוסיע וועגן צו־קונפט פון יידיש אין אַמעריקע (פון די אַמעריקאַניש־יידישע צייטונגען), יידישע פאַרלאַגן אויף ארויסצו־געבן די בעסטע פּערלען פון דער וועלט־ליטעראַטור אין יידישער איבערזעצונג, אנטשטייען פאַר אונזערע אויגן, דער ביכער־מאַרק ווערט יעדעס מאָל באַריי־כערט מיט כלערליי „פנקסים", לעקסיקאָנס וכדומה און דאָ זעט מען גאָר פאַר זיך לויטער סימנים פון ירידה. כ'לעבן, א פּוסטע מורא!

דאָס וויל נישט הייסן, אז מ'קאָן א'נגאַנצן אוועק־מאַכן מיט דער האַנט די אלע ארגומענטן, וואָס שעלער ווייזט אָן אין זיין אויבנדערמאָנטן ארטיקל.

די פראַגע וועגן דער צוקונפט פון יידיש אין אַמעריקע געהער צו די ערנסטע פּראָבלעמען, וואָס וואַרטן מ'זאָל זיי אויסקשטעלן אויפן סדר־היום פון דער יידישער ענטוויקלונג אין זייער גאַנצן פאַר־נעם.

מיר לייקענען טאַקע נישט, אז ס'זענען נאָך פאַ־ראַן גענוג קריטישע מאָמענטן אין דער אנטוויקלונג פון יידישער קולטור און שפּראַך אין אַמעריקע, נישט אַלץ גייט נאָך כשורה. ס'אַנטשטייען ספקות, ס'גנבע־נען זיך אריין געפילן פון יאוש. אָבער דאָס אליין, איז דאָך טאַקע די בולטסטע ראיה וועגן א רירעוודיק־פול־סירנדיק לעבן, וואָס שאַפט ווערטן, זוכט נייע וועגן און וויל בשום אופן נישט גליווערן אויף איין אָרט.

איר, דער יידישער שפּראַך אין אַמעריקע, קומט אפילו נישט אויף דער מחשבה צו גרייטן זיך צום אונטערגיין.

ז י ו ו י ל און ו ו ע ט ל ע ב ן!

א. אסתר'ס.

געזעץ פון ווינקל.

בעלי־מלאכות.

פון דייטשלאַנד קומט דער איניציאַטיוו צו פאַר־רופן אן אַלוועלטלעכן צוזאַמענפאָר פון יידישע בעלי־מלאכות און זייערע אָרגאַניזאַציעס. א סך בשותפותדיקע נויטן מוזן פאַרענטפערט ווערן, א סך גע־מיינזאַמע פּראָבלעמען באַטראַכט און דיסקוטירט ווערן און א וועג זאָל געפונען ווערן כדי אָפּצוהעלפן דעם אַטענטאַט אויף דער יידישער מלאכה אין אלע לענדער צווישן באַלטיק און שוואַרצן ים.

זיכער א גוטע זאַך אַזאַ צוזאַמענפאָר. מ'קאָן האָפן אז די אָרגאַניזאַטאָרן וועלן מיטברענגען גוט אויסגעאַרבעטע פּלענער און פאַרשלאָגן ווי אזוי זיי צו רעאַליזירן. ס'איז אויך צו דערוואַרטן אז די יידישע האַנדווערקער וועלן זיך אָפּרופן מיטן נויטיקן פאַרשטענדניש אויף דער איינלאַדונג. און אפשר וועט עס זיין אַן אָנהויב פון א נייער ערא פאַר דעם יידישן בעל־מלאכה.

ווי שווער ס'זאָל נישט זיין די סיטואַציע פון די יידישע בעלי־מלאכות, וועלכע טענדענצן ס'זאָלן זיך נישט געפינען קעגן זיי ביי די נייע מלוכות און ביי די פאַרשידענע הערשנדיקע פּאַרטייען אינם היינטיקן מזרח־אייראָפּע — נאָך שווערער נעשטאַלטעט זיך זייער מצב א דאַנק די אינערלעכע מחלוקות אין קאַמפּן, א דאַנק די רייסערייען וועלכע פּאַטענצירן זיך פון טאָג צו טאָג און א דאַנק די פאַרשידענע אָרגאַניזאַציעס, וועלכע ווערן געבוירן און שטאַרבן און מאַכן צום רעשט הרוב דאָס פאַרהאַנענע.

פאַר אונזערע אויגן שוועבט דאָס בילד פון טשערנאָוויץ.

ערשט פאַרגאַנגענע וואָך האָט די פּאָסט געבראַכט א פלוג־שריפט פון איין גרופּע בעלי־מלאכות קעגן א צווייטער. פון אן אויפזיכטסראַט פון א קרעדיט־קאָאָפּעראַטיוו קעגן דער פאַרוואַלטונג פון דערזעלבן קאָאָפּעראַטיוו. אזויפיל בלבולים און באַליידיקונגען, אזויפיל השד און אומערלעכקייט טרעפט מען זעלטן ערגיץ ווי.

די שפּאַלטונגען אין טשערנאָוויצער בעל־מלאכה־שטאַנד זענען אפשר נישט איינציק, אָבער באַלערנדיק אין דעם אופן ווי אזוי זיי קומען פאָר און וואוהין זיי פירן. וואָלטן עס געווען פּאָליטישע דיפערענ־צירונגען, וואָלטן מיר געוווּסט אז מיר האָבן פאַר זיך סאָציאַליסטישע האַנדווערקער, ליבעראַלע, „צאַראַניס־טישע", אווערעסקאַנישע א. א. וואָלטן אלע קאָנ־פליקטן אויסגעקעמפט געוואָרן אויפן פּאָליטישן שטח וואָלט די צרה געווען גענוג גרויס, אָבער נישט אוועקהרגענדיק ווי איצט.

די שפּאַלטונגען זענען פאַרגעקומען אויף ווירט־שאַפטלעכעם געביט, די רייסענישן גייען דאָרט, ווו ס'האַנדעלט זיך וועגן די לעבנסוויכטיקע אינטערעסן פון דער יידישער מלאכה. די קאַמפן ווערן געפירט מיט א פאַרביטערונג און ליידנשאַפט, וועלכע פירן צו א פולשטענדיקער ירידה.

טשערנאָוויצער בעלי־מלאכות שאַפן נדן־קאַסעס און קאָמפּראָמעטירן זיך שווער — צונעמענדיק גרויסע געלדער ביי אָרעמע מיידלעך — שאַפן איינס, צוויי און דריי קרעדיט־קאָאָפּעראַטיוון, וועלכע זענען אין זייער טעטיקייט מער א שאָדן און א בושה.

אין מיינט איר אז איר טרעפט זיי אין „אָרט" יו, זיי זאָלן אָרגאַניזירן זייער זעלבסט־הילף? מיינט איר, אז זיי דאַגהן וועגן דער פראַגע פונם קומענ־דיקן דור לערנייינגלעך? אָדער אז זיי גרופּירן זיך פּאָליטיש דאָרט, ווו זיי קאָנען דערוואַרטן א הילף פאַר זייערע נויטן און צרות? מיינט איר אז צו די שפּאַלטונגען האָט עס שוין גענומען א סוף? ווי די באַקטעריען, וועלכע פאַרטאָפּעלן, און פאַרדרייפאַכן זיך אזוי מולטיפּליצירן זיי זיך יעדע שעה אזוי צעריסן זיי זיך. נישט זעענדיג גאָר נישט א הויך קאַמף.

אַמאָל שטאַרק און פול באַדייטונג, אַמאָל אָנפירנ־דיק און מעכטיק און היינט א הויפן פון קריג־פירנדיקע

מאַקס ד י א מ א נ ט.

לערנערס בילדער.

אין א ווינקל פון דער אויסשטעלונג שטייט א בילד, וועלכעס איז באַהערשט פון דער געשטאַלט פון לערנער'ס פאָטער, וואָס זיצט געבויגן איבער א גמרא, זיין זון, אונזער מאָלער, זיצט ביי אים צו־פיסנס און ווערט פון אים אריינגעפירט אין די לערע פון די פעטער.

דער פאָן איז אויסגעפילט פון א פאַסאַדע פון א קלויז. פונם הלל באַווייזט זיך א האַנט, צווישן פאָטער און זון, א האַנט מיט א מאָלער־פּינזל. דאָס בילד איז כאַראַקטעריזירט דורך דעם קעגנזאַץ פון שוואַרץ און ווייס, פון העל און טונקל און דיקן טאָן פון די פאַרבן.

אַן אנדער בילד ווייזט אונז לערנערן אנגעטון אין תכריכים קניענדיק אויף די חורבות פון זיין שטעטאַלע, געשלעפּט פון א ציג, — דער סימבאָ־לישער היה פון אָרימקייט און פונם שטעטל.

און א דריט בילד זען מיר אן אויסשניט פונם שטעטל, אין שטאַרק קאָנטראַסטישע פאַרבן, קליינע הייזאַלעך, האַלב שוין איינגעזונקענע און מיט זייער דינאַמיק פון דער רואיגע פאַלן זיי אראָפּ צום באָדן. אין פאָדערטייל — א פרוי מיט א ציג, אין הינטער־גרונד הויך אויפשטייגנדיק און די פעדערשטע הייזלעך איבערוואַקסנדיק, אין א טרויעריקער פּראַכט — די אַלטע שול.

נאָך אן אנדער בילד: אין „רויטליכער גרויקייט" אין דער מיט שטראָז פונם שטעטל, שטייט ער, ער, ווער ער איז ווייסן מיר נישט, ער איז דער באַלעבאָס פון ד ע ר ציג, וואָס געפונט זיך נעבן אים און ווייסט פונקט אזוי ווייניק תכלית פון איר לעבן, ווי ער אליין.

אזוי קאָן מען פירן די ליניע דורך אלע די פּנים'ער, וואָס זענען געקומען צו לערנערן בייטן ער זאָל זיי געבן א תיקון, ער זאָל זיי אויסלייזן פון דער פאַרכישופטער וועלט פונם שטעטל און פון דער חורבה־קללה וועלכע איז אויף זיי ארויפגעוואָרפן. זיי שוועבן און טאַנצן ארום לערנערן, די פאַרשידענע געשטאַלטן, ווי ארום א שליח צבור, ראש השנה ביים עמוד.

פון דעם געטומל ארויס, שאַפט לערנער.

דער כאַראַקטער פון זיינע ארבעטן לאָזט זיך דערקלערן פון זיינע יוגנט־אימפּרעסיעס, וועלכע פילן אים אין גאַנצן אויס.

מיט צוויי יאָר צוריק איז לערנער געווען אין פּאַריז און ס'האָט זיך געדאַכט, אז דער צוריקגע־קומענער וועט צעדריקט ווערן פון דער משא איינ־דרוקן פון דער גרויסער שטאָדט. ענלעך ווי שאַגאַל איז אונטער זיי אונטערגעוואָרפן געוואָרן. אין זיינע ארבעטן זענען פיל אינעווייניגסטע סתירות פון זיין וועזן. די דאָזיקע קעגנזאַצן מאַכן אים אלס פּערזאָן אינטערעסאַנטער, זיינע שאַפונגען אינטערנאַציאָנאַלער. זיי דערווייטערן אים אָבער דערפאַר פון די יסודות פונם יידישן לעבן.

לערנער האָט געקאָנט געפונען טאָן און פאַרב פאַר איינעם פון די שווערסטע קינסטלערישע פּראָב־לעמען. ביי וועלכן נישט איינער פון די יידישע מאָלערס האָט געמאַכט אומזיסטיקע אנשטרענגונגען.

דער נוצרי באַווייזט זיך אין דער „בלינדער נאַכט" דעם צדיק, וועלכער זיצט פאַרטיפט אין מחשבות ביי דעם פאַרשלאָסענעם ספר. אַקעגן אים די פרוי ארבעטנדיק א זאַק. פּליצים דערשיינט אין פענסטער דאָס געשטאַלט פון ישו הנוצרי. ביידע זענען צואַנאַנד ענלעך ווי ברידער. דאָס פּנים פון ביידע איז געסנייטשט פון דיזעלביקע מחשבות. ישו וואָלט וועלן איבערצייגן דעם צדיק, דער צדיק ווידער וויל מיט אים זיך פאַרשטענדיקן. אָבער צווישן ביידע — אַן אומזיכטבאַרער תהום, וועלכן די געשיכטע האָט געשאַפן.

די טונקלע, נאַכטיקע פאַרבן ווירקן שטאַרק. דער קאָנטראַסט צווישן ביידע וויבּרירנדיקע געזיכטער, פון די מענער און טונקלקייט, פון דער פרוי וואָס ארבעט ביים ליכט פאַרשאַרפט דעם שטאַרקן שווונג פון דעם פּראָבלעם און פאַרבן און ליכט.

וואָלט לערנער ווייטער געאַרבעט אונטער דער השפּעה פון די פּאַריזער סאַלאָנען, וואָלט ער נישט געקאָנט געפינען אן ענטפער ווי אזוי צו מאָלן דעם יידישן בעל־עגלה, וועלכער האָט נאָר איין איינציקע פאַרב — גרוי.

די פּאָרטרעט־שטודיע פון א בעל־עגלה אין גרוי — וועלכער האָט זיך אויף דער אויסשטעלונג גע־פונען אין א ווינקל, פאַר וועלכער די דאַמען פון דער אזוי גערופענער גוטער געזעלשאַפט האָבן נישט געהאַט קיין ביסאַלע אויפמערקזאַמקייט — באַווייזט דעם גרויסן כח, וועלכן לערנער פאַרמאָגט אין זיינע פאַרבן.

גרוי איז א טאָן וואָס ברעקעלט זיך. אין גרוי איז נישט לייכט צו ארבעטן, שוין דאָס אליין, וואָס לערנער האָט געוויילט גרוי פאַר זיין פּאָרטרעט־שטודיע באַווייזט, אז ער האָט גענוג מוט צום קאַמף — אינ'ם באַהערשן זיך, ווייזט זיך ארויס דער קינסטלער.

דאָס דאָזיקע בילד פונם בעל־עגלה, א פּנים, וואָס איז אינטעליגענט ביז צו די אָדערלעך און דאָך פאַרגרעבט וועט ווען אין אלע אנדערע בילדער פון לערנערן וועלן נישט מער זיין, זיין נאָמען ארויסהעבן אויסן קרייז פון אַלטעגלעכקייט.

דערווייל אָבער ראַנגלט זיך לערנער אין טשער־נאָוויץ און קעמפט אַן אויסזיכטלאָזן קאַמף וועלכן ס'פירט דער אינטעלעקטועלע אומעטום. באַזונדערס שווער איז אים אלס ייד צו לעבן אין א סביבה ווו יעדער באַנק־דירעקטאָר און האָלץ־סוחר רופט נאָר בילדער ביי יעדן „קאַליקע, אויב ער האָט נאָר אן איטאַליענישן נאָמען.

ערשט אין פרילינג היי־יאָר האָט אזא מין בילדער־ספּעקולאַנט פון פּוילן פאַרקויפט זיין שונד אין טשערנאָוויץ. יידישע האָלץ־סוחרים פון טשערנאָוויץ האָבן געקויפט די מציאות און אויסגעפּילט זייערע סאַלאָנען מיט די דאָזיקע תרפים, וועלכע ווייזן, אז די באַזיצער פון זיי געהערן, לויט זייער קולטור, גע־שמאַק אין די פאַרוואָרפנסטע דערפלעך און וועלדער פון די קאַרפּאַטן.

לערנער האָט אָבער נישט פאַרקויפט קיין שום בילדער.

פון מיין נאָטיץ־בוך

דריי יובילייען.

מיט א וואָך צוויי צוריק, האט דאס יידישע טשערנאָוויץ געפייערט דריי יובילייען.

די דריי פייערונגען פאַרדינען מען זאָל וועגן זיי זאָגן עטלעכע ווערטער.

אין די פאַרגאַנגענע וואָכן זענען עס געוואָרן צען יאָר, זינט עס האט אָנגעהויבן דערשיינען א יידישע אַרבעטער־פּרעסע דא אין לאַנד.

צען יאָר עקזיסטענץ פון א יידישער אַרבעטער־פּרעסע אין רומעניע, וואָלט אפילו אין א געוויינלעכער צייט געווען א גרויסע זאַך עס זענען אָבער פאַרהאַן יאָרן, וואָס זענען ווי יאָרצענטליקער און יאָר־צענטליקער, וואָס זייער משא דרוקט שווערער ווי יאָרהונדערטער — אַזאַ צייט איז געווען דער אָפּגע־לאָפענער דעצעניום פאַר דער יידישער אַרבעטער־פּרעסע אין דער פאַרגרעסערטער רומעניע.

מיט צען יאָר צוריק, בעת די נייגעשאַפענע קאַרטע פון אייראָפּע האט געפּאָדערט א גרינטלעכן איבערברוך אין די באַציִונגען, פון די נאָך אין וויל־דעסטער רעאַקציע איינגעוויקלטע מלוכות, צו דער גאַנצער אַרבעטערשטפט און ממילא אויך צו דער ייד. אַרבעטערשאַפט — האט זיך באַוויזן אויף דער יידי־שער גאַס, די יידישע אַרבעטער־פּרעסע.

און עס מוז דא ווערן פעסטגעשטעלט, אז פון ערשטן טאָג פון איר דערשיינען ביז אין די לעצטע טעג אריין, איז דער וועג פון דער דאָזיקער אַרבע־טער־פּרעסע געווען א סכנות־דיקער און פול מאַר־טיריום.

שטאַט אַן איבערברוך אין באַציִונגען — בלוטי־קער טעראָר און ברוטאַליטעט, שטאַט דעם הויך פון דעמאָקראַטיע און פרייהייט, וועלכער האט פאַר א ווייל א בלאָז געטון איבער מיליאָנען סברים און חורבות — פאַרגוואַלטיקטע רעכט און צעטרעטענער מענטשן־כבוד.

די יידישע אַרבעטער־פּרעסע אין רומעניע, האט פאַר דער גאַנצער צייט פון איר קיום, געהאַט אויס־צושטיין אומגעהיערע רדיפות און פאַרפאָלגונגען. נישט פאַרגאַנגען קיין איין וואָך, ס'יין איין טאָג, אז די שוואַרצע רעאַקציע זאָל נישט געווען זוכן די פאַר־וואָרפנסטע מיטלען — איר אומצוברענגען.

און זי, די בלוטיק גערודפטע אַרבעטער־פּרעסע, האט מיט א זעלטענעם מוט מיט אַן אמתן סכנות־נפשות גובר געווען אַלע מניעות, פון היימישע און נישט־היימישע תליינים, — און געשפּרייזט מיט א געהויבענעם קאָפּ אויף איר וועג צו בעסערע און גליק־לעכערע טעג, וועלכע זי האט פאַראויסגעזאָגט און וועלכע וועלן אויך מוזן קומען.

מיר ווינטשן איר:

זאָל זי וואַקסן אין מאַכט און שטייגן אין איינ־פלוס...!

* * *

צען יאָר זענען אויך אַריבער זינט עס האט דא אָנגעהויבן דערשיינען! א בירגערלעכע צייטונג, דער אָרגאַן פאַר די פּאָליטישע, ווירטשאַפטלעכע און קולטורעלע אינטערעסן פון דעם בוקאָווינער יידנטום (אין דייטשער שפּראַך).

אין אָט די צען יאָר האָבן יידן געהאַט דא איבער־צוטראָגן קאַלטס און וואַרעמס.

נאָך דער קורצער צייט פון נאַציאָנאַל־ראַט, מכלומרשטער אויטאָנאָמיע און גלייכע רעכט, זענען געקומען שווערע טעג פון ווילדן כוליגאַנישן אַנטי־סעמיטיזם און פון פּאָליטישער און עקאָנאָמישער ירידה.

אויף אַט אַלע די דערשיינונגען האט דער דער־מאָנטער אָרגאַן רעאַגירט אויף א געהעריקן אופן און מיט א געהעריקער מאָס פון נאַציאָנאַלער ווירדע.

די איינשטעלונג פון דער דאָזיקער צייטונג צו די פאַרשידנסטע פּראָבלעמען אין יידישן לעבן זענען שטענדיק געווען פון א ריינעם יידישן שטאַנדפּונקט, ד. ה. אויף וויפל זיי קאָנען ברענגען נוצן אָדער שאָדן פאַר די אינטערעסן פון דעם יידישן כלל אין רומע־ניע און אויף דער גאַנצער וועלט.

די דערמאָנטע צייטונג און איר אַרויסגעבער, האָבן באַקעמפט אומדערשראָקן און מיט מסירת־נפש אַלע רדיפות קעגן יידן פון וועלכער זייט זיי זאָלן נישט געווען קומען. די צייטונג איז געווען זער עמפינד־לעך א יעדעס מאָל, ווען ס'האט זיך געהאַנדלט אין יידישע אינטערעסן, אָדער ווען פאַרטיידיקן דעם יידי־שן כבוד.

אין די פאַרגאַנגענע צען יאָר, האט זי געדינט די אינטערעסן פון יידישן כלל און אויך איר קאָנען מיר ווינטשן, אז זי זאָל וואַקסן אין כחות און אין איינ־פלוס — אויף וויפל ער איז נוצלעך און גוט...

* * *

דער דריטער בעל־היובל:

דער פּאַווילאָן־טעאַטער, אין טשערנאָוויץ.

ווי ווייניג מיר האָבן צו דערמאָנען פּאָזיטיוועס וועגן דעם דאָזיקן טעאַטער, ווי ווייניק מיר באַקענען זיך צום אופן פון זיין באַנעמען יידישע קונסט און פאַרפּליכטונגען צום יידישן טעאַטער־עולם, מוזן מיר אויך פאַר [illegible] עטלעכע זיינע פאַרדינסטן.

קודם כל מוז אַרויסגעהויבן ווערן דער זעלטע־נער עקשנות פון דער לייטונג, וועמען ס'איז צו פאַר־דאַנקען די שאַפונג פון א באַשטענדיקן טעאַטער־ווינקל אין אונזער שטאָט. א יעדער פריינט פון יידישן

קליינע גענעראַלן מיט צו צווייצענטליק זאַלדאַטן, איינער דעם אַנדערן באַשמוצנדיק און זידלענדיק.

אזוי טרעפט דער רוף פון בערלין צון אַן אַל־וועלטלעכן צוזאַמענפאָר די יידישע בעלי־מלאכות אין טשערנאָוויץ. אָבער נאָך טרויעריקער איז, וואָס זיי פאַרלירן פון טאָג צו טאָג זייערע פּאָזיציעס און פאַלן אַריין אין אַן עלנט, כדי דאַן איינגאַנצן צו פאַר־שווינדן און אַבערוימען דעם פּלאַץ צו א נייעם געזונטן בעל־מלאכה־שטאַנד פון דער הערשנדיקער נאַציע.

——

דיספוטן.

די קאַטוילישע קירכע איז דער עלטעסטער און שטאַרקסטער אינטערנאַציאָנאַל. די פאָרמען און מע־טאָדן פון אָרגאַניזאַציע, וועלכע ער האָט אַרויס־געבראַכט אין משך פון די לאַנגע דורות פון זיין קיום האָבן משפיע געווען אויף אַלע היינטיקע אינטער־נאַציאָנאַלן, פון די געלסטע רעכטע ביז צו די לינקסטע רויטע. עקומענע, קאָנצילן, דאָגמען, — דאָס אַלץ גע־פונט זיך אין די היינטיקע אינטערנאַציאָנאַלן נאָר אונטער אַנדערע נעמען: אַלוועלטלעכקייט, קאָנגרעסן, פּראָגראַמען א. א. וו. אפילו די ענציקליקאַס פון די רוימישע פּויפּסטן, האָבן זייערע מאָדערנע קאָפּיעס. איינע פון די מיטלען מיט וועלכע די קירכע האט באַקעמפט אירע שונאים, איידער זי האט זיי איבער־געגעבן די פייערן פון דער אינקוויזיציע איז אויך געווען דער דיספּוט.

ווער קען נישט די געשיכטע פון די מיטלאַלטער־לעכע דיספוטן! פון די צוויי צדדים וועלכע האָבן געמוזט איינער דעם צווייטן, איבערווייזן אז די אָדער יענע עיקרים פונם עוואַנגעליום זענען אמת! די דיס־פוטן פון רבנים און גלחים. די דיספוטן פון קאַטוילי־קן און פּראָטעסטאַנטן?

אָבער מנצח געווען האָט תמיד דער צד, וואָס האָט געהאַט די מעגלעכקייט מיט כח אַרויפצולייגן אויפן קעגנער זיין איבערצייגונג, מיט ברענענדע אייזנס, אים אַריינצובויען אין געהירן זיינע דאָגמען. אָבער אויך דעמולט האָט געזיגט דער אונטערוואָרפענער, וועלכער איז געוואָרן א מאַרטירער פון זיינע אָנ־שויאונגען.

די דיספוטן האָבן געמוזט נאַרן דעם אייגענעם עולם און געבן א מאָטיוו און א באַגרינדונג פאַר דער אינקוויזיציע. אזוי גלענצענד האָט דער און דער באַ־וויזן די געטלעכקייט פון קריסטוס און ווער ס'וויל נישט גלויבן זיינע אייזערנע אַרגומענטן, זיינע אַראַ־טאָרישע קונצן — מוז דער נישט פאַרברענט ווערן?

א דיספוט האָבן מיר געהאַט אנומלט אין טשערנאָוויץ. פון איין צד דער גענעראַל פון אַן אַלוועלטלעכן אָרדן — פונם צווייטן צד: צוויי קליינע אָפיצירן.

מ'האָט גערעדט א האַלבע נאַכט. מיט רעטאָריק, סטאַטיסטיק נאָכגעוויזן אז דער ציוניזם איז א פּוסטע אוטאָפּיע, מיט אַרגומענטן און ביישפּילן צוריקגע־ענטפערט און באַגרינדעט די פאַלשע פּרעמיסן פון דער בונדישער אידעאָלאָגיע און — דער סוף?...

ערליכ'ן, דעם פירער פון בונד אין פּוילן, דער צענטראַלער פיגור, פון דער באַוועגונג וואָס גרופּירט זיך אונטערן נאָמען בונד אין דער גאַנצער וועלט, איז נישט געלונגען אָפּשפּענסטיק צו מאַכן אפילו נישט אויף א האָר אָט דעם קליינעם חלוץ, וועלכער איז די גאַנצע צייט געשטאַנען און זיך דאָרשטיק צוגעהערט צו אַלץ, מיט זיינע אויגן האָט ער געהאַנגען אויף די ליפּן פון זיינע ציוניסטישע פירערס און אז ערליך האָט פאַרענדיגט איז ער אַרויס א נעפעסטיקטער און געשטאַרקטער אין זיין חלוצישער וועלט־אַנשויאונג, וועלכע הייסט אים גיין קיין ארץ־ישראל ברענגען קרבנות...

צו וואָס דיספוטן?...

S.

——

טעאַטער, האָט געמוזט און מוז באַוואונדערן דעם קאַמף וועלכן דער פּאַווילאָן־טעאַטער האָט אין משך פון צען יאָר צייט געפירט פאַר זיין עקזיסטענץ.

פאַרלאָזט און באַיקאָטירט פון דער יידישער אינ־טעליגענץ, אָנגעוויזן אויף דער הילף פון די אָרעמע און פּראָלעטאַרישע יידישע מאַסן, האָט דער יידישער פּאַווילאָן־טעאַטער זיך שווער דורכגעקעמפט אין ענגן שמאָלן וועג — און צומאָל אויך דערגאַנגען צו א בעסערן רעפּערטואַר ווי אַש, פּינסקי און לייוויק — און צו טאַלענטירטע אַקטיאָרן און אַקטריסעס, ווי זאַסלאַווסקאַיאַ, פּישזאָן, ליפּמאַן א. א.

דאָס אַלעס מוז ווערן אַנערקענט.

און היינט צום עלפטן יאָר פון זיין עקשנותדיקן קאַמף קאָנען מיר נאָר ווינטשן:

זאָל ער ווערן א ריינער ווינקל פון יידישער קונסט!...

ח. ג.

„מיסטיק און טאַט אינ'ם היינטיקן אינדיען.“

זייט ראָמען ראָלאַנד האָט געשריבן וועגן גאַנדי, באַשעפטיקט ער זיך מיט די פּראָבלעמען און געשטאַלטן פון דער אינדישער פרייהייטס־באַוועגונג. ער גרייט איצט צו א צוויי־בענדיק ווערק אונטערן טיטל: „מיסטיק און טאַט אינ'ם היינטיקן אינדיען“, וועלכעס נעמט אַרום אַלע זיינע שטודיען אויף דעם געביט. אין דעם בוך ווערט געשולדערט די געשיל־דערט פון וויוועקאַנאַנדאַ. אין דער צייט־שריפט „אייראָפּ“ שרייבט ער וועגן דעם:

„די ריזיקע געשטאַלט, וועמענס פּאָרטרעט איך פּריוו מאָלן, וועט איבעראַשן מער אַלס איין לעזער פונם אָקצידענט. נישט אָריענטאַלישן גייסט און די איינציקאַרטיקע אָריענטאַלישע ווידיעס געפונען זיך אין אים, נאָר ס'איז ביי אים ענג פאַרקניפּט דער גייסט פון באַאָבאַכטן מיט וויסנ־שאַפטלעכן אַנאַליז. כ'וועל נישט פאַרווישן קיין איינציקן שטריך פון מיין מאָדעל, פון וועלכן ס'האָט ביז היינט קיינער גאָר נישט דערציילט. דאָס לעבע־דיקע אוניווערזום האָט קיינער נישט געפּרוווט שילדערן. ער איז ענלעך און פאַרשידן פון דעם אונזעריקן: א גרויסער גייסט פונם אָריענט, א פירער פונם גע־דאַנק פונם גייעם אינדיע. און ס'איז מיר נישט באַ־קאַנט קיין אַנדערער טיפּ פון מאָנומענטאַלער גרויס ווי וויוועקאַנאַנדע...

ער שטאַמט פון דער גרויסער אַריסטאָקראַטישער פאַמיליע קסהאַטריאַ. איז געבוירן דעם 12-טן יענער 1863 אין קאַלקוטאַ. א מוטער, ז״ר גע־בילדעט: פון קעניגלעכער מאַיעסטעט, וועמענס הערלישער גייסט ס'איז געשפּייזט פון די גרויסע עפּען פון די הינדוס. זיין פאָטער, פירט א באַוועגט און גלאַנץ־פול לעבן. ווי א גראַנד־סעניאָר פון א פראַנצויזישן 18 יאָר־הונדערט. מיט א וואָלטערישער אומאָפּהענגיקייט, א פרייעם הומאַניטעטס־געפיל און גלייכגילטיקייט כלפּי די קאַנטן. זיין זיידע, א מאַן פונם געזעץ, רייך און געבילדעט, האָט מיט 25 יאָר פאַרלאָזט ווייב און קינדער, טיטולן און פאַרמעגנס און זיך צוריקגעצויגן אין די וועלדער צו ווערן א סאַנ־יאַסין און קיינער האָט אים מער נישט געזען...

זיין קינדהייט און זיין יוגנט זענען ווי פון א קינסטלערישן פירשט אין רענעסאַנס. ער קולטיווירט אַלע געשאַנקען פון זיין קערפּער און גייסט. שיין ווי א לייב, נאָכלעסיק און פייעריק ווי א ווילדער, מוטיק: ער קאָן באָקסן, שווימען, ער איז באַגייסטערט פאַר פערד, ער איז דער פירער פון דער מאָדע און גע־ליבט פון דער יוגנט. מיט פאָלקאָמענער קונסט טאַנצט ער די רעליגיעזע טענץ. פון קינדהייט איבט ער זיך ווי א סך אינדישע קינדער אין דער קאָנצענטראַציע, איצט מעדיטירט ער די גאַנצע נאַכט ווי אַזוי צו דערגרייכן די מדרגה פון כריסטוס און וועגן דער וועדאַנטאַ. ער האָט ליב צו דיסקוטירן וועגן פילאָ־זאָפיע און זיין נאָמען וויוועקאַנאַנדאַ האָט ער באַ־קומען צוליב זיין דעמאָנישער נטיה צו אַרגומענטירן, קריטיזירן און דיפערענצירן. ער זוכט די האַרמאָניע צווישן העלענישער שענקייט און אינדאָגערמאַנישן דענקען. אָבער דער מענטש, וואָס איז אוניווערזעל אינם זין פון לעאָנאַרדי און אַלבערטי גיט נאָך צו דער גייסטיקער הערשאַפט איבערן לעבן דעם כתר פון א רעליגיעזער נשמה....

דאָס באַגעגענען זיך מיט די ליידן, מיטן מענטש־לעכם עלנט, דאָס נאָנטע עלנט פון זיין פאָלק, די ליידן אינדיענס, דאָס איז געווען דער פייערשטיין, דער גרויסער שטוים פון וועלכן ס'איז געקומען דער פונק, וואָס האָט אָנגעצונדן זיין נשמה. און אין דעם בראַנד, און אין דער מיסיע פאַר דער מענטשהייט, זענען שטאָלץ, כבוד־גלוסטן, ליבע, וויסנשאַפט אַלע כחות און תאוותן פאַרייניקט געוואָרן צו איין איינציקן פלאַם:

— „א רעליגיע, וואָס גיט אונז דעם גלויבן אַן אונז און די אַכטונג צו די אַנדערע, דעם כח צו שפּייזן די הונגעריקע, צו סעמפּן קעגן עלנט, צו דערהויבן די מאַסן. ווילט איר גאָט געפינען, אַזוי דינט דעם מענטש.“ —

פּאָלקסווירטשאַפט.

אָסטבאַנק א. ג., טשערנאָוויץ.

Banca de Est S. A.

אונטער פאָרזיץ פונם פּרעזידענט דר. ראַדו פּ. גריגאָרצעאַ איז פאָרגעקומען דעם 29-טן אַפּריל ד. י. די גענעראַלפאַרזאַמלונג פון די אַקציאָנערן, וועלכע האָט איינשטימיק אָנגענומען דעם דין־וחשבון און די פונם וויצע־פּרעזידענטן ה' יעקב קינדלער פאָרגעשלאַגענע פאַרטיילונג פון ריין־געווין פון ליי 12,266.000. דעם רעזערוו־פאָנד זענען צוגעוויזן געוואָרן 5,617.000 ליי און אַלס דיווידענדן איז באַשלאָסן געוואָרן אויסצוצאָלן 18 פּראָצענט, גלייך ווי אין די פריעריקע 4 יאָר.

די אייגענע מיטלען אינאיינעם מיט די זיכטבאַרע רעזערוון באַטראָפן 63,750.000 ליי. די געזאַמט־ציפער פון די אַקטיוואַ באַטרעפט 460,465.000 ליי, די פּראָמפּטע מיטלען ליי 215.877.000 און דעקן איבער 60 פּראָצענט פונם גאַנצן אַנגאַזשמענט.

די שפּאַראיינלאַגן אויף ביכלעך און קאָנטאָ־קאָרענט דערגרייכן א סכום פון 357,434.000, דער סך־הכל פונם אומזאַץ האָט זיך געהעכערט אויף ליי 54.179,380.000. די אַנשטאַלט באַזיצט 24 פּי־ליאַלן און צאָלרייכע פאַרבינדונגען מיטן אויסלאַנד.

בריוו צו די „טשערנאָוויצער בלעטער“.

די טשערנאָוויצער קהלה.

השובע רעדאַקציע פון די „טש. בל.“!

א קורצע צייט האָב איך געוויילט אין טשערנאָוויץ און זיך געוווּנדערט איבער די פילע אַפּישן וועלכע ווינקן פון אַלע זייטן און רופן צו פאַרזאַמלונגען מיטן סדר־היום: די קהלה־וואַלן. אַלזאָ דאָך וואַלן! נאָך צעניאָריקער שאַנד פון זשערענטשאַפט און רויב אינ'ם יידישן פאַרמעגן, האָט אָנ־געכאַפּט אַן אומרו די יידישע באַפעלקערונג און זי רודערט און ראַנגעלט זיך. און ס'בילדן זיך פּאַרטייען און גרופּעס, וועלכע גייען דעראָבערן די קהלה. א האָפנונג לעבט אויף ביי אונז פון דער פּראָווינץ, אז טשערנאָוויץ וועט זיך דאָך ראַטעווען פון אונטערגאַנג און פאַרזומפּונג. מעגן אפילו דרייצן פּאַרטייען גיין מיט צעטלך, ס'מוז זיגן דער ווילן צו דערהאַלטן איינע פון די גרעסטע יידישע קהלות פונם לאַנד און אַרויפברענגען אויף אַזאַ מדרגה ווי ס'איז נויטיק פאַרן דערפאָלג פון אירע אויפגאַבן.

ישראל וויינזאַפט. ה.

אַלקאַהאָל און סאָציאַליזם.

השובע רעדאַקציע פון די „טש. בל.“!

דער פּראָבלעם וועלכער איז אַרויס־גערופן געוואָרן אין דער נאָטיץ „יונג און אַלט“ איז צום באַדויערן אַן אַקטועלער און ס'איז זער וויכטיק אז די פראַגע זאָל דיס־קוטירט ווערן און ס'זאָלן געזוכט ווערן מיטלען דעם אָפּצוהעלפן.

איך מיין אז די סאָציאַליסטישע פּאַרטיי מוז קודם כל לייסטן מאָראַלישע און קולטורעלע ערציהונגס־אַרבעט, דאָס איז וויכטיקער ווי דאָס באַקומען פון שטימען בשעת וואַלן וואָרים אַזוי לאַנג די מאַסן זענען נישט ערצויגן, אַזוי לאַנג אַלע ווערן נישט אַרויפגעבראַכט אויף העכערן ניוואָ אין זייער טעגלעכן לעבן, אַזוי לאַנג איז דער סאָציאַליזם נישט טיף פאַרוואָרצלט אין זיי, די פראַגע וואָס אַן אַרבעטער אָדער אַן אַנדער מיטגליד פון א סאָצ. פּאַרטיי זאָל טון מיט זיין פרייער צייט — דאָס איז וויכטיקער פון א סך אַנדערע אָרגאַניזאַטאָרישע און טאַקטישע פּראָב־

לעמען. קונסט, ספארט און חברישע פארוויילונגען — אבער אָן אלקאהאָל? דערצו וועט מען ער-ציען דעם יינגלעכן ארבעטער און במילא וועט ער עס בלייבן אלס דערוואקסענער.

זינדל ראָזנטאל. נ.

—

ברונען-פארגיפטערס.

השובע רעדאקציע פון די „טש. בל.“!

דערלויבט מיר צו מאכן פאלגנדיקע באמערקונגען:

איינער באשליסט פרייוויליק אוועקצוגיין פונם לעבן און האט איין ווּנטש: אז זיין טויט זאל נישט ארויסגעטראגן ווערן אויף די קאָלומנעס פון דער פרעסע, ס'זאל נישט געמאכט ווערן צון א וואלוולער סענזאציע, פון דעם פריוואטעסטן און פערזענלעכסטן רעכט צו שטארבן. זיין לעצטער ווילן איז דער טשערנאוויצער פרעסע באקאנט — און וואס געשייט?

א געוואלטיקע סענסאציע, אלע פרטים פונם זעלבסטמאָרד, א פראָפאנאציע פון זיין לעצטן ווילן, א שענדונג פון די פריי־מיטיוסטע מענטשלעכע רעכט!

אט דער קליינער פאלט, ווייזט ווי זער די בירגערלעכע פרעסע איז אָן אחריות, וועלכע שאָדנס זי טוט אָן, ווי זי דעמאָראליזירט און טרעט מיט די פיס דאס הייליקסטע צוליב סענזאציע, צוליב געלקייט און געשעפט.

ברונען-פארגיפטערס זענען עס, וועלכע גיסן יעדן טאג גאנצע עמערס מיט גיפט אין די נשמות פון זייערע לעזערס, וועלכע באשמוצן אליץ, כדי ארויסצוברענגען גרויסע פראָפיטן. נעמט אמאל באטראכטן די פרעסע פון דעם שטאנדפונקט און איר וועט האבן א סך מאטעריאלן וועגן איר ראל אלס פארשפרייטערן פון שמוץ, אלס פארגיפטערן פון דער עפנטלעכקייט, אלס וועקערן פון קרימינאליטעט און פארברעכענס.

קארל וויטנער, טש.

—

אין דעם קומנדיקן נומער פון „טשערנאוויצער בלעטער“ גייען אריין חוץ די באשטענדיקע רובריקן, די ארטיקלען: קארל קראוס, איז רוסלאנד נאך קאמוניסטיש?, ייד. טעאטער-פראבלעמען א. א.

קולטור-כראָניק

א נייער בוך פון ארנאָלד צווייג.

אין פארלאג פאידאָן, ווין, איז דערשינען א נייער בוך פון ארנאָלד צווייג, צוויי עסיים אונטערן טיטל: „הערקונפט און צוקונפט“. ביידע געשריבן תיכף נאך דער מלחמה און בשעת דער אינפלאציע. ביידע באהאנדלען די מזרח-יידן. אבער נישט אויף א וויסנשאפטלעכן אופן, מיט סטאטיסטישן מאטעריאל און פרעציזע טאבעלן, נאר אין טיף דורכגעלעבטע בילדער מיט א דיכטערישער סוביעקטיוויטעט און לעבעדיקייט. אינטערעסאנט זענען די שטעלן ווּ צווייג ווייזט אן אויף דער סטאגנאציע אינם יידישן לעבן. אין מזרח-אייראָפע האבן די יידן זיך געפונען נאָך אין מיטלעלטערלעכע צושטאנדן, ביז די יוגנט האט געמאכט א רעוואָלוציע און זיך געווענדעט מיט שטורם קעגן אליץ וואס איז געווען קליינבירגערלעך, אונטערדריקונג פון אינסטינקטן, פאראכטונג פון עסטעטיק. ס'איז געווען האט יידיש, וואס די יידישע יוגנט האט זיך געווענדעט קעגן אייגענעם פאלק. ביי אנדערע פעלקער איז די רעוואָלוציע פון דער יוגנט אן אימפולס פארן פאלק. אָבער די יידישע יוגנט קערט זיך אום צום פאזיטיוון דארט ווי זי קאָן ווידער לעבן ווי א בויער, פיזיש ארבעטן — אויף די פעלדער פונם עמק. אינם אומקערן זיך צוריק קיין א"י זעט צווייג די פארענטפערונג פון דער יידישער פראגע. דער בוך לייענט זיך שווער, איז אבער לעבעדיק געשריבן.

—

אבאנירט דעם אומאָפהענגיגן ארגאן „טשערנאוויצער בלעטער“

א מוסטערגילטיקער אנשטאלט.

(סאנאטאָריום רעזשעלע מיהאי I).

אין א זייטיקן, שטילן געסל, ארומגענומען פון גאָרטל- און בלעטער-ביימער שטייט א בנין, וועלכער דערוועקט ביי יעדן פארבייגייער אן אינטערעס. לאָמיר אריינגיין כדי זיך צו באקענען מיטן אינערלעכן טייל פונם בוי.

איז עס א וועלטשטעטישער האָטעל? א גרויסער פענסיאָנאט אָדער גאָר א סאנאטאָריום? זעלטן טרעפט מען אין א הויז, וואס איז באשטימט פאר קראנקע און רעקאָנוואלעסצענטן אזויפיל מעלות אינאיינעם פאראייניקט. אזויפיל באקוועמלעכקייטן די מאדערנע און נייעסטע איינריכטונגען אויפן געביט פון היגיעני און קלינישער אויסשטאטונג. אין סאנאטאָריום וועלכעס הער ר. לאקסער האט געבויט נעמט אויך ארום אָט דעם גייסט פון די גרויסשטעטישע אנשטאלטן, וועלכע זענען אויסן דעם קראנקן אויף אלע אופנים צו דערלייכטערן זיין פארווייל אין סאנאטאָריום, וועלכע שפענדן אים אזוי פיל ליכט און לופט, אינטימע הערליכע שטובער, צוגעפאסט צו די טעג וועלכע מ'מוז דארט פארברענגען, אליין אינאיינעם אין אזא הארמאָני אז עס ווילט זיך אייך נישט גלייבן, אז אין דעם הויז ווערן אויך פאָרגענומען אָפעראציעס, גייען געווינערינס צו קינד, היילן זיך פארשידענע חולאים.

דאס פריוואטע קאפיטאל, וועלכעס איז תמיד אויסן רוחים, האָט ביים באשאפן פון דעם בוי נישט געקענט אויסגיין נאָר פונם פראָפיטשטאנדפונקט. ווער ס'איז אינוועסטירט צוואנציק מיליאָן ליי אין אזא אונטערנעמונג, ווייסט שוין פון פריער אז דאס געלד, וואָלט געטראָגן מער עיסקה אדער רוחים אין אן אנדער געשעפט! ס'מוזן דעי ביי א הויז מאטעריעלע כונות זיין אויך אנדערע אמביציעס. דער דירעקטאָר פונם סאנאטאָריום הער דר. שעכטער, האט אין זיין פלאן געוואָלט שאפן עפעס אויף דעם געביט, וואָס ס'איז נישטאָ אין גאנצן צפון-טייל פון גרויסרומעניע. ס'האָט זיך אים אויך פולשטענדיק איינגעגעבן. ס'איז שווער פאר נישטפאכמענער צו שילדערן אָט די אלע פרטים און שיינע איינריכטונגען וועלכע געפינען זיך אין סאנאטאָריום. נעמט און באטראכט למשל א בעט פאר א קראנקען, דאכט זיך וואס קאָן דערביי איפגעטיגן ווערן? די בעטן זענען אזוי קאָנסטרויִרט, אז מ'קאָן נישט רירנדיק דעם קראנקן פארענדערן זיין ליגן. פון האריזאָנטאל אויף אנגעלענט און אומגעקערט. נעמט למשל דאָס גלעקל וועלכעס רופט די קראנקנשוועסטער, אין סאנאטאָריום רעזשעלע מיהאי איז עס אזוי קאָנסטרויִרט, אז ס'איז פארבונדן מיט א קאָנטראָלע וועלכע ווייזט אן דערויף צו די גערופענע שוועסטער האָט זיך תיכף געמעלדעט. די מיט אייל-איינגעלאָזטע ווענט, די דיוואנעס אויף וועלכע ס'איז נישט מעגלעך קיין אנזאמלען זיך פון שטויב, די גרויסע ליכטיקע שטיבער און די אנשליסנדיקע באלקאָנס, דער אויסבליק אויפן פרוט-טאל, די איינצעלנע וויכטיקע און פארן נישטקענער נישט באמערקבארע איינריכטונגען אין גרויסן זאל פאר אָפעראציעס, די באדע-קאבינעס אין יעדער אָפטיילונג, באזונדערע אין דער סעפטישער, אין דער גינעקאָלאָגישער און כירורגישער. דאס אליץ, מוז מען זען, כדי צו באגרייפן ווי ווייט די היגיעני איז פאָרגעשריטן און וואָס מען ווענדעט אָן כדי צו ראטעווען א מענטש.

א וויכטיקע זאך וועלכעס מוז אונטערגעשטראָכן און באזונדערס דערמאָנט ווערן, איז דאס באריקזיכטיקן די ברייטע פאָלקס-קרייזן, וועלכע ס'איז אין יעדער הינזיכט געגעבן די מעגלעכקייט צו באדינען זיך מיטן סאנאטאָריום. פרייזן ווי 200 ליי א טאָג פאר דירה — קעסט, ערצטלעכע באהאנדלונג זענען פארשווינדנד קליין אין פארהעלטניש צו ענלעכע אנשטאלטן. הער לאקסער און דער דירעקטאָר הער דר. שעכטער באשטרעבן זיך אלעמען צו דינען מיט זייער אנשטאלט און אלעמען צו העלפן. און ס'גיט זיך זיי איין.

—

ערצטלעך. ה' דר. טאריאן איז צוריקגעקומען פון זיין שטודיר-רייזע און אָרדינירט אין ראדיום-, רענטגען-, עלעקטרא-טעראפיטישע און פאראפין-באהאנדלונגען. — אינסטיטוט: טשערנאָוויץ, דר. ראָטגאס נר. 5 a.

מאשינען
צו באארבעטן פון האָלץ
נייע און אויך גענוצטע
צו פרייזן וועלכע האבן נישט קיין קאָנקורענץ
בויער-מאשינען,
בויערפוטער, שפיראלבויערער
ליפערן מיר פראָמפט פון לאָקא
מאשינען פאר יעדער אינדוסטריע,
צו די בעסטע באדינגונגען און פרייזן
„SARCO“
Cernăuți, Piața Dacia 13.

פאר דעם אנאָנסן-טייל נעמט די רעדאקציע נישט איבער קיין שום אחריות.

בעלעטריסטישע
און וויסנשאפטלעכע ווערק
אין אלע שפראכן
געפינען זיך
אין
דער
בוכהאנדלונג
דר. י. בערנפעלד
עט קאָ.
טשערנאוויץ
סטראדא יאנקו פלאנדאר (הערנגטס) 22

די ביורא פון דער געזעלשאפט
„ארט“
טשערנאָוויץ
האט זיך איבערגעפירט אויף
טעמפעלגאס 8
(אין הויף)

געגרינדעט אין יאָר 1899.
די
טיפאָגראפיע
מ. עבנער
טשערנאוויץ, הויפשטראס 8
ליפערט פראָמפט און ביליק בלערליי דרוק-סאָרטן, ציי טונגען, בראָשורן, בריפן און קוווערטס, מעמאראנדן אפישן, עטצ. עטצ.
שטאמפיליען - ערצייגונג.
זעצ-מאשינען און סטערעאָטיפּי-באטריב.

Sanatoriu Regele Mihail
Direktor: Dr. OTTO SCHÄCHTER
Tel.-Nr. 1060 u. 1062 — Cernăuți. str. Petre Liciu (Franzosgasse) — Tel.-Nr. 1060 u. 1062
פאר כירורגי, גינעקאָלאָגי, געבורטס-הילף, אינטערנע און רעקאָנוואלעסצענטן.
50 קאָמפאָרטאבל איינגעאָרדנעטע צימער מיט פליסענדיקן קאלטן אוןווארעמען וואסער, צענטראל-באהייצונג, ליפט פאר קראנקן-טראנספאָרט, דיעטישע קעך, רענטגען און לאבאראטאָריום, טעראסן, אלקערס און פארק. 50
מאסט-קורן. ערשטקלאסיקע פלעגע. מעסיקע צימערפרייזן.